ווילנער קאַפּיטלען

פֿון הערשע־דוד קאַץ

אַ נײַ בוך וועגן דער קולטור־אַרבעט אין ווילנער געטאָ

עס איז פֿון לאַנג באַקאַנט, אַז אין די געטאָס בעת די חורבן־יאָרן (בפֿרט אין די גרעסערע שטעט), האָבן ייִדן, אָפֿטמאָל שוין דערשפּירנדיק דעם נאָענטן טויט, פֿונדעסטוועגן באַוויזן אויפֿצוהאַלטן אַ פֿאַרצווײַגטע קולטור־אַרבעט. זיי האָבן אָנגעפֿירט ווײַטער, אויף וויפֿל נאָר מעגלעך, מיט די פֿאַרשיידנאַרטיקסטע צווײַגן פֿון אונדזער לעבעדיקער ציוויליזאַציע – בײַ שווידערלעכע לעבנס־אומשטענדן. עס איז אויך באַקאַנט, אַז אין ווילנער געטאָ איז די־אָ קולטור־אַרבעט געווען אַ זעלטן רײַכע.

דאָס נאָרוואָס דערשינענע בוך אויף ענגליש איבער דער טעמע רופֿט זיך Spiritual Resistance in the Vilna Ghetto: (ד.ה. – „גײַסטיקער ווידערשטאַנד אין ווילנער געטאָ", אַרויסגעגעבן פֿון ווילנער ייִדישן מוזיי, ווילנע 2002; 135 זײַטן). די מחברטע איז די באַקאַנטע וויצע־דירעקטאָרשע פֿון ייִדישן מוזיי דאָ, רחל קאָסטאַניאַן־דאַנציג. זי איז אַליין אַ געבוירענע אין שאַוול, אין דער צווישן־מלחמהדיקער „קאָוונער ליטע". זי איז געווען אַ קינד ווען ס'האָט אויסגעבראָכן די מלחמה, און האָט באַוויזן צו אַנטלויפֿן קיין רוסלאַנד, קיין גאָרקי, מיט דער מאַמען. דעם טאַטן האָבן די דײַטשן דערשאָסן די ערשטע טעג פֿון דער מלחמה. נאָכן אָפּפֿירן קיין דווינסק אַ גרופּע אַנטלויפֿנדיקע, האָט ער זיך אומגעקערט אין שאַוול בכדי צו ראַטעווען אַנדערע. דער גרעסטער טייל פֿון איר משפּחה איז אומגעקומען. אַזוי אַרום, אַז די מחברטע איז שוין איינמאָל אַ נוגע־בדבר צום חורבן.

אין די סאָוועטישע יאָרן, האָט זי באַקומען העכערע בילדונג און יאָרן לאַנג געאַרבעט בײַ גאָר אַנדערע געביטן. זי איז איינע פֿון די געציילטע מומחים דאָ אין דער הײַנטיקער ליטע, וועלכע האָבן מיט אָן אַ שיעור פֿלייס, התמדה און איבערגעגעבנקייט, באַוויזן אין די נאָך־סאָוועטישע יאָרן זיך אַליין אויסבילדן ביז צום מעמד פֿון גאָר ערנסטע קענער און פֿאָרשער, באַהערשנדיק שפּראַכן, „אויפֿפֿרעסנדיק" ביכער און זיך צולערנענדיק כּסדר מיט דער ענערגיע פֿון אַ יונגן געלערנטן וואָס נעמט זיך מיט לײַב און לעבן צום אויסגעקליבענעם געביט. אָן גוזמאות: טויזנטער ייִדן פֿון איבער דער וועלט וועלכע האָבן באַזוכט ווילנע אין די לעצטע יאָרן זײַנען אַוועק מלא־התפּעלות פֿון דער מערקווערדיקער פֿרוי וואָס האָט אויפֿגעבויט אין ווילנע דעם חורבן־מוזיי (אַ קאָמפּאָנענט פֿון ייִדישן מוזיי).

אויפֿן צווייטן שער־בלאַט ווערט אָנגעוויזן, אַז צוגעגרייט די מאַטעריאַלן צום דרוק (דאָס בוך איז כּולל אַ גרעסערע צאָל וויכטיקע היסטאָרישע פֿאָטאָגראַפֿיעס און פֿאַקסימיליעס) האָט די מיטאַרבעטערין אין ייִדישן מוזיי דאָ, די באַהאַרצטע רותא פּוישיטע, אַ טאַלאַנטירטע יונגע געלערנטע, וועלכע איז איינע פֿון די יחידי־סגולה צווישן אינטעלעקטואַלן דאָ וועלכע זאָגן דעם גאַנצן און ניט דעם האַלבן אמת וועגן חורבן ליטע. איר אייגענע באַקאַלאַוראַט דיסערטאַציע בײַם ווילנער אוניווערסיטעט, איבער דער שחיטה פֿון די ייִדן אין שטעטל יורבעריק (הײַנט: יורבאַרקאַס), האָט אויפֿגערודערט אין ליטע. דעם טעקסט קען מען באַקומען דורכן אינטערנעט (www.shtetlinks.jewishgen.org/Yurburg/batheais.html).

* * *

גייען מיר אַריבער צום בוך גופֿא. שוין פֿון זײַן סאַמע נאָמען איז די טעזע פֿונעם ווערק באַשײַמפּערלעך: רחל קאָסטאַניאַן האַלט, אַז די אַלע קולטור־טעטיקייטן אין געטאָ שטעלן מיט זיך פֿאָר אַ סימן מובֿהק פֿון: גײַסטיקן ווידערשטאַנד, וואָס מען קען משׂיג זײַן קעגנאיבער דעם גוט באַקאַנטן באַוואָפֿנטן ווידערשטאַנד. אין דער זעלביקער צײַט פֿאַרשטייט זי גוט אַ קעגנדיקע אײַנטענהונג: דהײַנו, אַז סײַ די דײַטשן און סײַ די ייִדישע פּאָליציי מיטן יודענראַט איז געווען „כּדאַי" אַז די פֿאַרשפּאַרטע אין געטאָ זאָלן זײַן „פֿאַרנומען"... וואָס מער מען לייענט אַדורך די קאַפּיטלעך, ווערט אָבער קלאָר, אַז דער אומגלייבלעך רײַכער תּוכן, אָרנטלעכער גײַסט און מאַסיווער פֿאַרנעם פֿון דער קולטור־אַרבעט, קען אין לעצטן סך־הכּל באַנומען ווערן נאָר און בלויז ווי אַ טיף־אינערלעכער דראַנג מצד דער באַפֿעלקערונג גופֿא צו אירע קולטור־אוצרות.

קאָסטאַניאַן פֿאַרשטייט זייער גוט, אַז אינעם רעאַלן, טאָגטעגלעכן לעבן אין געטאָ איז די קולטור־אַרבעט ניט באַנומען געוואָרן ווי אַ „צוגאָב" צו פּלענער אויף באַוואָפֿנטן ווידערשטאַנד. פֿאַרקערט, אירע העלדן זײַנען אָפֿט גאָרניט געווען צווישן די וועלכע האָבן געהאַלטן, אַז ביקסן וועלן דאָ עפּעס פּועלן פֿאַרן ייִדישן קיום בכלל, נאָר וואָדען: די וואָס האָבן געהאַלטן אַז דער באַוואָפֿנטער קעגנשטאַנד קען נאָר פֿירן צום סאַמע גרעסטן אומגליק פֿאַר אַלע. אויף אונדז אַלעמען בײַם הײַנטיקן טאָג איז פֿאַרשטייט זיך חל, בײַם באַטראַכטן די מיינונגען פֿון די ייִדן אין געטאָ, דער „אַל תּדין את חבֿרך עד שתּגיע למקומו" (אין „פּרק", ב, א – דער טײַטש: זאָלסט דײַן חבֿר ניט גיין משפּטן ביז וואַנעט דו וועסט ניט שטיין אויף זײַן אָרט).



קאָסטאַניאַן ברענגט אַ סך מאַטעריאַלן אויף צו דערווײַזן, ווי אַזוי אַ צאָל אינספּירירנדיקע פּערזענלעכקייטן אין געטאָ האָבן באַוויזן אַלעמענס מוט צו הייבן מיט די כּלים און כּוחות פֿון דער קולטור. פֿאַרן שאַפֿער פֿון דער שיטה פֿון גײַסטיקן ווידערשטאַנד האַלט זי (מיט רעכט) דעם גרויסן ייִדישן פֿילאָלאָג, קולטור־היסטאָריקער, איבערזעצער און רעדאַקטאָר זעליק־הירש קלמנאָוויטש (1885 – 1944). קלמנאָוויטשעס טאָגבוך פֿון געטאָ, אויף העברעיִש, האָט אַרויסגעגעבן אין 1977 זײַן זון, דער טײַערער געלערנטער ד"ר שלום לוריאַ, אים צו לאַנגע יאָר.

זעליק־הירש קלמנאָוויטש איז געווען פֿון די ווינציקע געלערנטע אין געטאָ וואָס זײַנען געווען טיף אַרײַנגעטאָן סײַ אין העברעיִש און סײַ אין ייִדיש; סײַ אין דער אוראַלטער ייִדישער ציוויליזאַציע, סײַ אין די מאָדערנסטע פֿאָרמען פֿון דער ייִדישער קולטור.

אַז מען לייענט אַדורך קאָסטאַניאַנס בוך – דער טעקסט און די אַלע פֿאַקסימיליעס זײַנען זעלטן גוט צווישנאַנאַנד פֿאַרפֿלאָכטן – בלײַבט מען בײַם איטלעכן נײַעם זײַטל וואָס אַ מאָל מער נשתּומם: ווי אַזוי האָבן עס די פֿאַרשפּאַרטע, אויסגעהונגערטע ייִדן אַזויפֿל באַוויזן צו שאַפֿן? פֿון וואַנעט האָבן זיי אין 1942 און ביז דער ליקווידאַציע אין סעפּטעמבער 1943 גענומען די עצם אונטערנעמונגס־פֿעיִקייט, נאָכדעם ווי זיבעציק ביז אַכציק פּראָצענט פֿון ליטווישן ייִדנטום האָט מען שוין געהאַט אויסגעשאָסן (צווישן יוני און דעצעמבער 1941)?

וועגן וואָס גייט די רייד געניי? אַט זײַנען טייל פֿון די אינסטיטוציעס וואָס זײַנען אויפֿגעקומען, און וואָס ווערן געשילדערט, סײַ מיט דאָקומענטאַציע פֿון דעמאָלט און סײַ מיט ציטאַטן פֿון אַ סך בעלי־זכרונות:

- אַן אָפּטיילונג פֿאַר קינדער־דערציִונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט פֿערציק לערער (שפּעטער דערגאַנגען ביז זיבעציק);
- זעקס דערציִונגס־אַנשטאַלטן (אַ דורכשניט פֿון 1,300 תּלמידים);
- אַ טעכניקום (בײַ 60 סטודענטן, מיט געדרוקטע דיפּלאָמען אויף ייִדיש);
- אַ שול פֿאַר מוזיק;
- דער לייען־זאַל, אָנגעפֿירט פֿון באַליבטן ביבליאָטעקאַר און מלומד חײַקל לונסקי (1981 – 1942/3); ער האָט באַדינט ביז 200 לייענער יעדן טאָג;
- די „מפֿיצי השׂכּלה" ביבליאָטעק (וווּ לונסקי האָט אויך געאַרבעט). דער סך־הכּל אויסגעליִענע ביכער האָט אין דעצעמבער 1942 דערגרייכט הונדערט טויזנט(!);
- דער פֿאַראיין פֿון שרײַבער און קינסטלער, מיטן אָנטייל פֿון זעליק־הירש קלמנאָוויטש, הערמאַן קרוק און (אים צו לאַנגע יאָר) אַבֿרהם סוצקעווער;
- קאָנצערטן און טעאַטער. דער ווילנער ייִדישער מוזיי האָט שוין פֿריִער אַרויסגעגעבן אַ באַנד מיט פֿאַקסימיליעס פֿון די פּלאַקאַטן רעקלאַמירנדיק פֿאָרשטעלונגען און קאָנצערטן.

עס קומט דער מחברטע אַ יישר־כּח פֿאַרן אָפּגעבן עטלעכע זײַטלעך די טראַדיציאָנעל־רעליגיעזע אינסטיטוציעס (זז. 109־111). פֿאַרוואָר, פֿון אַ גאַנצער ריי ווערק, סײַ פֿון פֿאַרמלחמהדיקן ייִדנטום אין מזרח־אייראָפּע, סײַ פֿון די געטאָ־יאָרן, קען אַ דרויסנדיקער הײַנט בלײַבן בײַם אויבנדערמאָנטן, אַז אַלע מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן זײַנען געווען ציוניסטן, בונדיסטן, קאָמוניסטן און אַנדערע „איסטן", בשעת ווען אין דער אמתן איז די „שטילע מערהײַט" באַשטאַנען פֿון „פּשוטע, גלייביקע ייִדן" וועלכע האָבן געהיט מצוות, געגלייבט אינעם רבונו־של־עולם און געהאָפֿט אויף משיחן. צום באַדויערן האָט די נאָכמלחמהדיקע אָפּגעפֿרעמדקייט צווישן „טראַדיציאָנעלע" און „מאָדערנע" ייִדן גורם געווען אַז אויך אונדזער היסטאָריאָגראַפֿיע זאָל דערפֿון פֿאַרקרימט ווערן.

אויך אין אָט־אָ דעם בוך זײַנען די סאַמע שוואַכסטע טיילן די־אָ וואָס געהערן צו דער דאָזיקער פּרשה (נאָר דער מחברטע קומט סײַ ווי קרעדיט, ווי דערמאָנט, פֿאַרן פּרובירן אַרײַננעמען אויך דעם טראַדיציאָנעלן ייִדנטום און זײַן קולטור).

די מחברטע באַמערקט, אַז „די מערהייט פֿון די רעליגיעזע ייִדן אין ווילנע זײַנען געווען טראַדיציאָנעל־אָרטאָדאָקסיש" (ז. 109). דאָס איז פֿאַרשטייט זיך אין דער בחינה פֿון „וואָסער איז נאָס" אין דער פֿאַרמלחמהדיקער ווילנע: ס'איז ניט געווען דאָרטן קיין „רעפֿאָרם"־באַוועגונג... איך וואָלט אַנדערש געזאָגט, דהײַנו: די מערהייט ייִדן אין ווילנע זײַנען געווען טראַדיציאָנעל־רעליגיעז!

אין שײַכות מיט דער טראַדיציאָנעלער ייִדישקייט טרעפֿט מען אין בוך אויך אַ צאָל פֿאַרדריסלעכע פֿעלערן. למשל: אַ פֿאַקסימיליע פֿון אַ מחזור ווערט אָנגערופֿן אַ „תּלמוד" (ז. 111). אָט דער שטח, טאַקע אונטערגעשפּאַרט דורך נײַע פֿאָרשונגען איבער די פּרטים פֿון ישיבֿות, חבֿרותות, בתּי־מדרשים, קלויזן, חדרים און די אַנדערע טראַדיציאָנעלע ייִדישע מוסדות אין געטאָ, דאַרף אומבאַדינגט ברייטער אַנטוויקלט ווערן אין אַ צווייטער אויפֿלאַגע.

אַרום און אַרום איז דאָס בוך אַ גוואַלדיק וויכטיק געווינס פֿאַר דער היסטאָריאָגראַפֿיע פֿון חורבן, ווי עס ווײַזט ריכטיק אָן דער בריטישער היסטאָריקער מאַרטין גילבערט אין זײַן הקדמה. עס קומען דאָ צום אויסדרוק: דער טאַלאַנט און די איבערגעגעבנקייט פֿון דער מחברטע; די מעלות וואָס קומען פֿון דורכפֿירן די אַרבעט אויפֿן אָרט פֿון די געשעענישן; דאָס באַנוצן סײַ די רײַכע אַרכיוואַלע מאַטעריאַלן וואָס די מחברטע רחל קאָסטאַניאַן גופֿא האָט יאָרנלאַנג געזאַמלט, בויענדיק דעם מוזיי מיט וועלכן זי פֿירט אָן אַזוי גלענצנדיק, און סײַ זכרונות בעל־פּה פֿון לעבן־געבליבענע.

אַ האַרציקן יישר־כּח דער מחברטע רחל קאָסטאַניאַן־דאַנציג און אירע מיטאַרבעטער אין ווילנער ייִדישן מוזיי פֿאַר אָט־אָ דעם בפֿירוש וויכטיקן שעפֿערישן דערפֿאָלג. ◻

רחל קאָסטאַניאַן־דאַנציג די וויצע־דירעקטאָרשע פֿון ייִדישן מוזיי און מחברטע פֿונעם נײַעם בוך